השלמה
משנת תשפ״ג

מכון מעדני מלך
ווין

# שיחות קודש

## של כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א

יוצא לאור על ידי מכון מעדני מלך וויען

**פרשת במדבר שנת תשפ״ג לפ״ק**

### במסיבה לטובת הבית חינוך לבנות ׳בנות חנה׳ דקהלתנו הק׳ במאנסי

יום ג׳ פרשת במדבר תשפ״ג לפ״ק

**איך** שפיר א עקסטערן הכרת הטוב פאר די אלע וואס זענען זיך צוזאמגעקומען מחזק צו זיין דעם מוסד. עס איז א יונגע מוסד, עס איז די צווייטע יאר וואס מען מאכט א מסיבה, און די אלע וואס העלפן צו אין אנהייב אויפצושטעלן א מוסד, האבן אן עקסטערן זכות אין דעם, זיי זענען די וואס לייגן אראפ די יסוד אויף שפעטער. די חיזוק וואס די הנהלה, און די וואס טוען פארן מוסד, באקומען ווען זיי זעהן ווי אזוי די עלטערן שטעלן זיך צו, און זיי העלפן אין אנהייב, בשעת דער מוסד דארף זיך שטעלן אויף די פיס, דאס איז א עקסטערע זכות פאר זיך.

**מען** שטייט נאנט צו מתן תורה, מען געפונט ביי מתן תורה, דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו, כה תאמר לבית יעקב ותגיד לבני ישראל (שמות יט-ג), זאגט רש״י, כה תאמר לבית יעקב, גייט ארויף אויף די נשים, ותגיד לבני ישראל גייט ארויף אויף די אנשים. צו די נשים דארף מען רעדן מיט א לשון רכה, און צו די אנשים האט מען גערעדט א שטרענגערן לשון. דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו נעם צוזאם יעדן, נעם צוזאם סיי די אנשים מיט די נשים, און געב זיי איבער אז איך וויל געבן די תורה פאר יודען.

**דער** אייבערשטער האט מקדים געווען קודם כה תאמר לבית יעקב און נאכדעם ותגיד לבני ישראל. דער באשעפער האט געזאגט, איך וויל געבן תורה פאר יודען. אויב די מאמעס זענען נישט גרייט מקבל צו זיין די תורה, איז נישט דא קיין תורה! עס איז נישט מעגליך אנצוהייבן ביי די מענער, אז זיי זאלן קענען האלטן א תורה, ווען זיי האבן נישט די בני בית וואס העלפט זיי צו, אז זיי זאלן קענען אנגיין אויף דעם וועג. מען דארף ערציען קינדער, ווער ערציהט די קינדער? די מאמע. די מאמע לייגט אריין די ווארימקייט אין א קינד, זי לייגט אריין די ערליכקייט פונעם קינד, זי טוט באגלייטן דאס קינד פון ווען ער ווערט געבוירן ביז ער וואקסט אויף. אויב זי איז נישט גרייט מיטצוגיין מיטן קבלת התורה, איז נישט שייך קיין קבלת התורה. אז דו ווילסט געבן די תורה פאר יודען, כה תאמר לבית יעקב, קודם נעם די בית יעקב, רעדט צו זיי, זיי מסביר, כה תאמר, זאג זיי א אמירה רכה. עטץ זאלטס וויסן ענקער געוואלדיגען זכות וואס עטץ האטס, עטץ זענטס די מאמעס פון כלל ישראל, עטץ גייטס אויפציען די קינדער פון כלל ישראל. אויב זיי זענען גרייט, זיי וועלן ענטפערן נעשה ונשמע, דעמאלטס ותגיד לבני ישראל, קענסטו גיין ווייטער און רעדן צו די יודען.

על הטוב יזכר ידידינו מוה״ר **הערש יואל שווארץ** הי״ו
אשר כלכל הוצאת הגליון לזכות הרבים לרגל אירוסי בתו תחי׳ למזל טוב

**און** דאס איז דער מוסד, וואס שטעלט אויף די בנות ישראל. יעדער ווייסט אז עס איז א זאך וואס איז נישט געווען אינדערהיים. עס איז א זאך וואס האט נישט אויסגעפעלט אינדערהיים, ווייל אינדערהיים איז מען נתחנך געווארן אין שטוב, די מאמעס האבן געהאט צייט זיך אפצוגעבן מיט די קינדער, די גאסן אינדרויסן זענען נישט געווען אזוי פארדארבן ווי עס איז היינט. און עס איז געקומען נאך די קריג, ווען מען איז אנגעקומען אויף אמעריקא, האבן אלע גדולי ישראל פארשטאנען אז מען קען נישט ערציען דא ערליכע יודישע טעכטער, אויב מען וועט נישט מאכן א מוסד פאר זיי. - און מען זעהט ווי חפץ ה' הצליח, די סייעתא דשמיא וואס זיי האבן געהאט, וואס פאר א מאמעס קומען היינט ארויס פון די מוסדות לשם ולתפארת, וואס זיי געבן אוועק זייער גאנצע כח און געזונט מחנך צו זיין קינדער פאר תורה.

**און** עס איז דא א געוויסע זכות אין א מיידל שולע, מער ווי אין א תלמוד תורה! אן א תלמוד תורה, וואלט דאס קינד געלערנט. ער וואלט געלערנט ביים טאטען, ער וואלט געלערנט אין בית המדרש, ער וואלט געהאט ווי מקבל צו זיין. אבער אן א מיידל שולע איז נישט דא ווי א מיידל זאל קענען וואקסן ערליך, אז זיי זאלן קענען זיין די מאמעס פונעם כלל ישראל.

*

**מען** שטייט פארן יום טוב פון שבועות, דער יום טוב פון קבלת התורה, און יודען קומען זיך צוזאם מחזיק צו זיין תורה. דער **חתם סופר** זאגט די וואך אין די פרשה (ב:, ועיין עוד בפרשת כי תשא קלב:), מען האט געציילט יודען, כל זכר לגלגלותם, יעדער האט געגעבן א מחצית השקל, און נאכדעם האט מען געציילט די מחצית השקל, און מען האט געוואוסט די מספר פון יודען. און נתקשה משה במחצית השקל, ביז דער אייבערשטער האט אים געוויזן א מטבע של אש, און ער האט אים געזאגט, כזה יתנו. זאגט דער הייליגער חתם סופר, פאר משה רבינו איז שוועד געווען א קשיא. איך גיי ציילן יודען, יעדער גייט געבן א מחצית השקל, און די מחצית השקל וועט גיין פאר נדבות המשכן, פאר די קרבנות וואס מען דארף האבן אינעם משכן. אין הברכה שורה אלא בדבר הסמוי מן העין (תענית ח:), א ברכה איז נאר אין א זאך וואס מען ווייסט נישט פונקטליך וויפיל דאס איז, דארט קומט אריין א ברכה. אבער אין א זאך וואס איז געציילט, א דבר המנוי, א דבר המדוד, איז נישט דא דערין קיין ברכה. מען גייט צוזאמנעמען געלט, די מחצית השקל, צו וויסן פונקטליך וויפיל יודען עס איז דא, וויפיל געלט מען האט געגעבן. ווי קען אריינקומען א ברכה אויף אזא וועג? נתקשה משה במחצית השקל, דאס איז געווען די קשיא וואס משה רבינו האט געהאט אויפן מחצית השקל.

**האט** אים דער אייבערשטער געזאגט, געלט געבן דאס איז נאר א האלבער חלק פון די מטבע, דאס איז בפועל וואס מען געבט דאס געלט. ביי יעדע געלט וואס מען גיט, איז ביים אייבערשטען חשוב נישט נאר די געלט וואס מען גיט, נאר די הארץ וואס ליגט אינעווייניג. רחמנא ליבא בעי (רש"י סנהדרין קו:), דער אייבערשטער דארף דאס הארץ וואס ליגט אינעווייניג. אמאל איז דא וואס א מענטש קען נישט געבן אזוי סאך, ער גיט וויפיל ער גיט, אבער זיין הארץ איז דערביי צו געבן אסאך מער. און ביים אייבערשטען ווערט דאס גערעכנט, אז ער האט נישט נאר געגעבן די מטבע וואס ער האט געגעבן, נאר אסך מער. עס ווענדט זיך ווי אזוי מען גיט. די ברכה זאל ליגן אין א זאך, איז תלוי אינעם הארץ ווי אזוי מען גיט עס.

**האט** דער אייבערשטער געזאגט פאר משה רבינו, ווען יודען געבן זייערע מטבעות, דו וועסט טאקע ציילן די מטבעות, אבער עס איז נאר א מחצית השקל, דאס איז נאר א האלב דערפון. אין יעדע מטבע ליגט א הארץ פון יודישע קינדער, אין יעדע מטבע ליגט א ליכטיגקייט פון אויבן, וואס קומט אראפ מיט די מצוה וואס ער טוט, און דאס איז נישט דומה איין יוד צום צווייטן, און מען קען נישט ציילן וויפיל הארץ עס ליגט אינעווייניג. עס איז סמוי מן העין, עס איז א זאך וואס מען זעהט נישט.

**נתקשה** משה במחצית השקל, משה רבינו האט נישט פארשטאנען ווי אזוי קען זיין א ברכה אין מחצית השקל, האט אים דער אייבערשטער געוויזן א מטבע של אש, מען ציילט נישט די געלט אזוי פיל וויפיל עס איז דא אויפן טיש, מען ציילט וויפיל הארץ עס ליגט אינעווייניג. יעדע נדבה וואס א יוד גיט פאר א דבר קודש, אז עס זאל ליגן א ברכה אין די געלט, מען קען אמאל געבן געלט און עס גייט לטמיון, און אמאל גיט מען געלט וואס מען זעהט דערין א סימן ברכה. לויט וויפיל ערליכקייט עס

ליגט אינעווייניג אינעם הארץ פון דעם מענטש וואס גיט עס, לויט דעם קומט אריין די ברכה אינעווייניג. הראה לו מטבע של אש, דו געבסט טאקע א מחצית השקל, עשרים גרה השקל, צען גרה גיט מען פארן מחצית השקל, אבער פון אינעווייניג אין די מטבע ליגט נאך אש, וואס דער אש דאס איז א זאך וואס איז סמוי מן העין, וואס דארט ליגט די ברכה.

*

**מען** פארציילט נאך, אז אינדערהיים האט מען געגעסן טעג. מען איז געזעסן און געלערנט אין ישיבה, און די ישיבה האט נישט געגעבן צו עסן, פלעגט מען צו עסן ביי די בעלי בתים, אין די וואכען טעג, שבת, און יום טוב. עס איז אמאל געווען איינער פון די תלמידי החתם סופר, וואס ער האט געגעסן ביי א בעל הבית, א ערליכער יוד. איינמאל האט ער געגעסן ביי אים שבועות, דער יום טוב פון מתן תורה, און ער קומט אריין צו דעם יוד, און אנשטאט זעהן א שמחת יום טוב, זעהט ער א צובראכענקייט, דער בעל הבית קען זיך נישט דערהייבן. פרעגט ער אים, עס האט עפעס פאסירט? עס פעלט עפעס דער שמחת יום טוב. זאגט ער אים, ניין, ב"ה איך האב אלעס, עס פעלט מיר גארנישט. נאר עס איז שבועות, א זמן פון מתן תורה, וואס כי הם חיינו ואורך ימינו. איך טראכט, וויפיל צייט האב איך צו לערנען איבערן יאר, קוים וואס איך קום אן עפעס צו לערנען. און ווען איך מאך מיר א חשבון הנפש, א סך הכל, וויפיל בין איך אנגעקומען, וויפיל איז מיין שייכות מיט תורה, בין איך צובראכן. איך זעה נישט וואס מיין שמחה איז פון קבלת התורה. דו זיצט און לערנסט א גאנצן טאג, דו פרייסט זיך מיט די תורה. עס קומט א יום טוב פון שבועות, זמן מתן תורתינו, פארשטיי איך דיין שמחה. אבער וואס איז מיין שמחה, אז עס קומט זמן מתן תורתינו.

**האט** ער אים געזאגט, עס שטייט אין פסוק (דברים טז-י), ועשית חג שבועות לה' אלקיך, מסת נדבת ידך אשר תתן. וואס איז דער מסת נדבת ידך אשר תתן. דער אייבערשטער זאגט, עס קומט חג השבועות, יעדער יוד קען האבן א חלק אין מתן תורה. דער וואס זיצט באהלה של תורה אוודאי, ער זיצט דאך באהלה של תורה. די וואס זענען מחזיק תורה, אפילו ער זיצט נישט באהלה של תורה, אבער אין זיין זכות זיצט מען און מען לערנט תורה, מען האלט אויף מוסדות התורה, וואו עס ווערן נתחנך יודישע קינדער, עס ווערן נתחנך יודישע טעכטער, זיי האבן דעם זכות פון די תורה וואס ווערט געבויט פון זייער געלט, און זיי האבן פונקט אזא חלק אזוי ווי די וואס זיצן און לערנען תורה. ועשית חג שבועות לה' אלקיך, דו קענסט מאכן א יום טוב פון שבועות, די זמן פון מתן תורה קענסטו מאכן א יום טוב, אפילו דו זאגסט איך ליג נישט אין לערנען, איך האב נישט פון וואס צו מאכן א יום טוב, 'מסת נדבת ידך אשר תתן', פון די מסת נדבת ידך קענסטו אויך מאכן א חג שבועות.

**עס** קומען זיך צוזאם יודען פאר מתן תורה, און מען זעהט אוועקצוגעבן צייט און געלט כדי מען זאל קענען אויפהאלטן תורה, דאס איז א חלק פון די הכנה צום חג השבועות, מען זאל האבן מיט וואס זיך צו פרייען ווען עס קומט דער יום טוב. איך האב טאקע נישט געלערנט וויפיל איך וואלט געדארפט צו לערנען, אבער מיט מיין געלט האב איך אויסגעהאלטן תורה. עס איז א געוואלדיגער זכות פאר זיך.

*

**ב"ה** אין די מיידל שולע ווערן נתחנך ערליכע יודישע טעכטער, מען פראבירט מחנך צו זיין על דרך ישראל סבא. מען דארף לערנען מיט יודישע קינדער תורה וואס באלאנגט צו זיי, מדות טובות, און אלעס וואס א יודישע מאמע דארף צו וויסן. – עס איז נישט דא קיין פלאץ, עס איז זייער ענג דער מקום ווי מען לערנט. איך וויל ארויסברענגען בשבחו פון שמואל בנימין [פאללאק] וואס גיט אוועק אזויפיל צייט און כח, און ער נעמט אויף זיך אזא עול, אז דער מוסד זאל וואקסן. ער קויפט שטחים, אהערגעשטעלט די טרעילער"ס, און ער האט פלענער אז מען זאל בויען ווייטער. דאס איז אלעס צו פארדאנקען פאר די אלע עלטערן וואס נעמען א חלק דערצו, וואס טוען צוהעלפן דערצו.

**זאל** זיי דער אייבערשטער בענטשן מיט מסת נדבת ידך. דורכדעם וואס זיי טוען צוהעלפן פאר תורה, זאלן זיי געבענטשט ווערן מיט וואס זיי דארפן צו האבן. נחת ביי די קינדער, קינדער וואס ווערן נתחנך אין דעם מוסד, קינדער וואס מען האט אין אנדערע מוסדות, אייניקלעך וואס מען האט, דער אייבערשטער זאל געבן אסאך נחת און תענוג דקדושה ביי זיי, און ביי אלע קינדער, מען זאל קענען זיין א חלק פונעם כה תאמר לבית יעקב, ותגיד לבני

ישראל, יודען האבן מקבל געווען די תורה מתוך שמחה, און מקדים געווען נעשה פאר נשמע, אונז גיי מיר טון אפילו אונז פארשטיי מיר נישט ווי אזוי, אבער אונז נעם מיר זיך פאר, אונז וועל מיר טון און ארויסהעלפן, זאלן מיר זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

## בניחום אבלים אצל הרה"ג רבי יוסף אברהם ווייסמאנדל שליט"א

### שישב שבעה על פטירת בנו הבחור מיכאל מנחם ע"ה

יום ד' פרשת במדבר תשפ"ג לפ"ק

**הרה"ג רבי יוסף אברהם שליט"א:** ער איז געווען ממש א מופלג פון א בחור. ממש לא מש מאהלה של תורה.

**רבינו:** עס האט אים נישט געשטערט די מחלה וואס ער האט געהאט?

**הגרי"א:** עס האט נישט גערעדט צו אים. ער האט געהאט יסורים נוראים, אבער ער איז אלץ געווען מיט די גמרא. ער איז ארויסגעלאפן פון בית המדרש פאר יסורים, און ער איז צוריקגעקומען כאילו לא היה.

**רבינו:** אשרי מי שחתמו ימיו במהרה, אזוי שטייט אין רמב"ם (באגרת לבנו).

**הגרי"א:** מיכאל באחת (ברכות ד:).

**רבינו:** אלע נשמות היינט זענען גלגולים פון פריער, און מען ווייסט קיינמאל נישט די חשבונות, וואס עס האט נאך אויסגעפעלט מתקן צו זיין.

**הגרי"א:** א גרויסע מלחמת היצר האט נישט אויסגעקוקט ווי ער האט. זעהט אויס, אז נישט דאס איז געווען זיין תפקיד.

**רבינו:** בראתי יצר הרע, בראתי לו תורה תבלין (קידושין ל:), אז מען האט תורה, האט מען נישט קיין יצר הרע.

**הגרי"א:** איזהו יסורים של אהבה, כל שאין בהם ביטול תורה (ברכות ה.). ער האט זיך קיינמאל נישט אפגערעדט אויף זיין מצב, נאר ווען ער האט נישט געקענט געהעריג מקיים זיין מצות.

**רבינו:** איך האב געזעהן שטיין פונעם **חזון איש**, אז א יוד איז נישט געווען געזונט, און ער האט זיך אזוי מתנצל געווען פארן חזון איש, אז ער וועט נישט קענען פאסטען יום כיפור. האט אים דער חזון איש געזאגט, איך האב קיינמאל נאכנישט געזעהן אז א טאטע וואס מל'ט א קינד שבת, זאל אים ווייי טון אז ער איז מחלל שבת... דאס איז די מצוה אין די תורה. וחי בהם, איז אויך א מצוה.

**א' האבלים: רבי יצחק טובי' ווייס זצ"ל** (גאב"ד ירושלים) האט פארציילט, אז ער איז אמאל געווען ביי **הרב העניך פאדווא זצ"ל** (גאב"ד לאנדאן), ערב יום הקדוש, און ער האט געזעהן אז ער איז זייער צובראכן. האט ער אים געפרעגט, וואס גייט פאר, פארוואס איז דער רב אזוי צובראכען. האט ער אים געזאגט, אז דער דאקטער לאזט אים נישט פאסטען. האט ער אים געפרעגט, דער רב פסקנ'ט דאך כסדר פאר מענטשען, אז מען טאר נישט פאסטען. האט ער אים געזאגט, עס איז גרינג צו זאגען פאר אנדערע, אבער ווען עס קומט צו זיך, ווערט מען א יודענע.

עס איז דאך דא א בריוו, אז דער בעלזער רב האט געמאכט א ברכה מיט א שמחה (נדפס בסוף ספר **נחלי בינה** על יום הכיפורים). אויב עס איז אזוי, וואס איז דער גרויסער שמחה? זעהט אויס, אז דער נסיון איז גרויס. מען זאגט נאך, אז עס איז דא עפעס א עקסטערע יצר הרע, ווען מען איז פטור פון א מצוה, אז מען זאל עס יא טון.

**רבינו:** עס איז זיכער דא א עקסטערע יצר הרע, אז די מצוה איז צו טון אזוי, איז דא א יצר הרע אויף פארקערט...

## בדינער לטובת מוסדותינו הק' בבארא פארק

יום א' פרשת נשא א' תשפ"ג לפ"ק

**מען** האט געליינט די פאריגע וואך אין די פרשה, אז דער אייבערשטער האט געהייסן פאר משה רבינו, ער זאל זאגן פאר יודען, מען זאל ציילן אלע שבטים. די תורה רעכנט אויס א גאנצן אריכות ווי אזוי מען האט יעדן איינעם געציילט, ויתילדו על משפחותם לבית אבותם (במדבר א-יח), און ווי גרויס יעדער שבט איז געווען, און מען האט צוזאמגעשטעלט דערפון די דגלים. איין שבט האט מען נישט געציילט צוזאמען מיט כלל ישראל, דאס איז געווען שבט לוי. שבט לוי האט מען געציילט עקסטער, זיי האבן געהאט א עקסטערן מנין פאר זיך. און דער מנין איז געווען אנדערש ווי ביי אלע אנדערע שבטים, אנדערע שבטים האט מען געציילט ביי די יארן פון צוואנציג ביז זעכציג, שבט לוי האט מען געציילט מבן חודש, קליינע קינדער, פון ווען זיי זענען יצא מכלל נפלים, האט מען זיי געציילט אין שומרי משמרת הקודש. און מיט אלעם, איז שבט לוי געווען די קלענסטע פון אלע שבטים. אלע שבטים זענען געווען דרייסיג טויזענט, פערציג טויזענט, פופציג טויזנט, יעדער שבט פון בן עשרים ולמעלה. און שבט לוי איז נישט געווען מער ווי צוויי און צוואנציג טויזנט לווים, אנגעהויבן פון בן חודש ולמעלה. און די מפרשים שטעלן זיך שוין, ווי קען עס געמאלט זיין, אז שבט לוי זאל זיין אנדערש פון אלע אנדערע שבטי י-ה?

**דער** הייליגער **רמב"ן** שרייבט (במדבר ג-יד), אז די סיבה דערפון איז געווען, ווייל יודען זענען געווען אין מצרים, זיי זענען געווען אונטערן שיעבוד, און די מצריים האבן געזאגט הבה נתחכמה לו פן ירבה (שמות א-י), יודען וועלן זיך פארמערן, ורוח הקודש אומרת (שם א-יב), וכאשר יענו אותו כן ירבה וכן יפרוץ. זיי האבן געזאגט 'פן ירבה', און רוח הקודש זאגט 'כן ירבה'. - וואס עס ליגט דערין א געוואלדיגער מוסר השכל. אז דער כלל ישראל איז א נצחי! און ווער עס שטעלט זיך אויף, אויף כלל ישראל, און וויל אונטערברענגען כלל ישראל, דארף מען נישט מורא האבן, אז אפשר וועט עס אונז עפעס שאטן, זיין יודישקייט וועט אים שאטן. דער אייבערשטער שטייט און היט, און פון א 'פן ירבה' ווערט נאכדעם א 'כן ירבה', און עס איז אזויפיל נתרבה געווארן דער כלל ישראל.

**שבט** לוי איז נישט געווען אין שיעבוד. שבט לוי איז געזעסן אין מצרים און געלערנט, כי שמרו אמרתך ובריתך ינצורו (דברים לג-ט), האבן זיי נישט געהאט די ברכה וואס דער אייבערשטער האט געזאגט, וכאשר יענו אותו כן ירבה וכן יפרוץ. איז געווען אזא גרויסער דיפערענץ צווישן די מספר פון כלל ישראל און די מספר פון שבט לוי. שבט לוי איז געווען די קלענסטע פון אלע שבטים. נאטורליך וואלט א שבט נישט געדארפט זיין מער פון צוואנציג טויזענט, וויפיל עס איז געווען פון בן חודש למעלה ביי די לווים. דאס וואס די איבריגע כלל ישראל איז אזוי נתרבה געווארן, איז נאר געווען וועגן וכאשר יענו אותו כן ירבה וכן יפרוץ, רוח הקודש האט געברענגט ביי זיי די ברכה.

**און** ער גיט צו דערצו, און ער זאגט, אז דאס איז טאקע געווען די סיבה פארוואס דער אייבערשטער האט געזאגט מען זאל נישט ציילן כלל ישראל צוזאמען, נאר יעדע שבט זאל מען ציילן עקסטער. ווייל דער אייבערשטער האט געוואלט ווייזן דעם געוואלדיגן נס וואס עס איז געשען ביי כלל ישראל. ווען מען וועט זעהן וואס עס איז ארויסגעקומען פון די שבטים וואס מען האט געפייניגט אין מצרים, און וואס עס איז געווארן פון דעם שבט וואס האט נישט געהאט קיין שיעבוד, פון דעם וועט מען זעהן ווי אזוי דער אייבערשטער האט בדרך נס מרבה געווען דעם כלל ישראל ביי יענע שבטים. אזוי שטייט אין רמב"ן.

*

**איך** האב געטראכט עס קען זיין נאך א סיבה פארוואס שבט לוי איז געווען וויינגער פון אלע אנדערע. עס שטייט די פאריגע וואך אין די פרשה (במדבר ג-ד), די תורה חזר'ט איבער אז נדב ואביהוא זענען אוועק פון די וועלט, בשעת זיי האבן מקריב געווען אש זרה לפני ה', און זיי האבן נישט געהאט קיין קינדער. עס שטייט אין **חידושי הרי"ם**, אונז ווייס מיר, אז פיקוח נפש איז דוחה כל התורה כולה (יומא פה:), מען לערנט עס אראפ ווייל עס שטייט (ויקרא יח-ה) וחי בהם, ולא שימות בהם. די תורה האט געשריבן א תנאי, מען דארף טאקע האלטן די תורה, אבער וחי בהם, דאס איז נאר אז מען וועט קענען

לעבן, ולא שימות בהם, טאמער מען דארף שטארבן, לייג אינדערזייט די תורה. אויסער אויף די שלש עבירות איז מען מחויב זיך צו הרג'נען.

**זאגט** אויף דעם דער חידושי הרי"ם, וחי בהם איז נישט נאר א תנאי אין קבלת התורה, אין וחי בהם ליגט אן הבטחה און א ברכה פונעם אייבערשטען, אז אויב א יוד גיט זיך אוועק פאר תורה, וועט אים גאר נישט שאטן. וחי בהם, דו וועסט בלייבן לעבן. ווער עס וועט זיך אויפשטעלן אקעגן דיר, און וועט דיך וועלן אוועקנעמען פונעם לעבן, דארפסט נישט מורא האבן. ווילאנג דו ביסט צוגעבונדן צו די תורה, וחי בהם, עס איז דא אן הבטחה פונעם אייבערשטען, אז מען וועט לעבן! ווען א יוד וועט מקיים זיין די מצות פונעם אייבערשטען, אפילו עס קען אמאל אויסקומען, אז ער איז מקיים די מצוה מיט א געוואלדיגן דביקות צום אייבערשטען, אז עס קען זיין יצא נשמתו. פון דביקות זאל ער מחובר ווערן צום אייבערשטען, זאגט דער חידושי הרי"ם, דער וחי בהם וועט אים האלטן, אז ער זאל נישט אויסגיין.

**די** זעלבע איז אויך ביי לימוד התורה. מען געפונט אין די גמרא (ברכות סג:) אז דברי תורה האלט זיך נישט, אלא במי שממית עצמו עליה. צו תורה דארף מען זיך פייניגן, און צוברעכן דעם גוף. כך הוא דרכה של תורה, פת במלח תאכל, ומים במשורה תשתה, ועל הארץ תישן, וחיי צער תחיה (אבות ו-ד). אין נארמאלן לעבן, ווען א מענטש פירט זיך אזוי אויף, ווערט ער אפגעשוואכט, און ער האט נישט קיין כח, און ער פארלירט זיין אימיוא"ן סיסטע"ם, און ער הייבט אן קראנק צו ווערן, ער האט נישט קיין כח. - ביי תורה איז נישט אזוי, חש בראשו יעסוק בתורה, חש בכל גופו יעסוק בתורה (עירובין נד.), ולכל בשרו מרפא (משלי ד-כב), כאטש אין טבע וואלט געדארפט צו זיין, אז ווען א מענטש איז זיך ממית באהלה של תורה זאל ער צוגרינד גיין. מען גייט נישט צוגרינד! ווייל די תורה האט אונז מבטיח געווען, וחי בהם, ולא שימות בהם. עס איז אן הבטחה פון די תורה, דו וועסט דיך אוועקגעבן פאר תורה, עס וועט דיר גארנישט שאדן, דו וועסט בלייבן לעבן, ולא שימות בהם, דו וועסט נישט שטארבן דורך תורה. אזוי שטייט אין מדרש (דב"ר ד-ד) אין אדם שומע לי ומפסיד, פון די תורה האט נאך קיינער נישט קיין חרטה געהאט. וואס א מענטש טוט פאר תורה, דאס קען אים נישט שאדן, דאס קען אים נישט אוועקנעמען.

**זאגט** אבער דער חידושי הרי"ם, דאס איז נאר ביי א זאך וואס א מענטש איז מצווה, דער אייבערשטער האט אים געהייסן טון, ביי דעם איז דא וחי בהם. אבער ווען א יוד טוט א מצוה וואס ער איז נישט מצווה, האט ער נישט קיין הבטחה פון וחי בהם, אז ער וועט בלייבן לעבן. נדב ואביהוא האבן געטון א מצוה אשר לא צוה ה', זיי האבן געטון א מצוה אן א ציווי פונעם אייבערשטען. אז עס איז געווען אשר לא צוה ה', איז בקרבתם לפני ה' וימותו, זענען זיי אויסגעגאנגען בשעת זיי האבן געטון די מצוה. ווען א יוד טוט א מצוה פארן אייבערשטען, האט ער אן הבטחה פון וחי בהם, אבער טאמער עס איז לא צוה ה', האט ער נישט די הבטחה, און דאס האט צוגעברענגט דערצו אז זיי זענען געשטארבן. אבער א מצוה וואס א יוד טוט מיט א ציווי פונעם אייבערשטען, דאס גיט חיות פאר א מענטש.

**מען** האלט דאך פאר מתן תורה, וואס עס שטייט אין די גמרא (שבת פח.), אז עס איז געווען כפה עליהם הר כגיגית. יודען האבן נישט געוואלט מקבל זיין די תורה, און דער באשעפער האט זיי געצווינגען אז מען מוז מקבל זיין די תורה. עס שטייט אין **קדושת לוי** (קדושה ראשונה לפורים), אז יודען האבן נישט געוואלט מקבל זיין די תורה, ווייל מען קען מקיים זיין די תורה אן דעם וואס מען זאל אזוי צווינגען דערויף, אן דעם וואס מען זאל אים מצוה זיין. יודען האבן געלערנט תורה אלע יארן, אברהם אבינו האט שוין מקיים געווען כל התורה כולה (יומא כח:). אילו קרבנו לפני הר סיני ולא נתן לנו את התורה דיינו, ווען מען איז אנגעקומען צום בארג סיני, האבן יודען משיג געווען די גאנצע תורה, זיי דארפן נישט קיין קבלת התורה.

**האט** דער אייבערשטער כופה געווען עליהם ההר כגיגית, אם אתם מקבלים את התורה מוטב, ואם לאו שם תהא קבורתכם. אויב עטץ וועטס טון ענקערע מצות מיט א לא צוה ה', קען זיין שם תהא קבורתכם, מען קען אויסגיין ווען מען טוט א מצוה. אבער טאמער עטץ וועטס מקבל זיין די תורה, אין די תורה שטייט וחי בהם ולא שימות בהם, וועט עטץ קענען בלייבן לעבן.

**שבט** לוי האבן זיך ממית געווען באהלה של תורה אין מצרים, אבער עס איז געווען אשר לא צוה ה', זיי האבן נישט געהאט דערויף קיין ציווי פונעם

אייבערשטען, עס איז נאך נישט געווען קיין קבלת התורה, עס איז נאך נישט געווען קיין תורה, און ווען זיי האבן זיך ממית געווען באהלה של תורה, האבן זיי נישט געהאט די הבטחה פון די ברכה וחי בהם, איז שבט לוי געווען די ווייניגסטע פון אלע שבטים, ווייל עס איז טאקע צוגעקומען דערצו, אז שם תהא קבורתכם. מען האט זיך נישט געהיטן אויפן געזונט, מען האט זיך מקדיש געווען פאר תורה, און די הבטחה פון וחי בהם האבן זיי נישט געהאט, איז צוגעקומען דערצו אז זיי זענען טאקע געווען ווייניגער פון אלע שבטים. - און דאס איז געווען וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן די תורה, אונז זאל מיר נישט טון די תורה מיט א וועג פון לא צוה ה', נאר עס זאל זיין אשר צוה ה', און דעמאלטס ליגט דערין די ברכה פון וחי בהם ולא שימות בהם, אז עס איז דא א חיות פון די תורה.

*

**עס** קען זיין לענינינו. עס איז דא נאך א טעם פארוואס שבט לוי איז געווען ווייניגער פון כלל ישראל. עס שטייט אין מדרש (במדב"ר ה-א), אל תכריתו את שבט משפחת הקהתי מתוך הלוים (במדבר ד-יח), דער אייבערשטער האט געזאגט, אז מען זאל זעהן אז שבט קהת זאל נישט נתכלה ווערן, פון די איבריגע לוים. וזאת עשו להם וחיו ולא ימתו, אז אהרן ובניו זאל ממנה זיין יעדן אויף זיין ארבעט וואס ער האט צו טון אינעווייניג אינעם משכן. עס שטייט אין מדרש, אז דער ארון וואס איז געגאנגען מיט יודען, האט מכלה געווען פון די לוים, אז די לוים וואס האבן געטראגן דעם ארון, זענען געשטארבען. דער מדרש זאגט, אז עס זענען געווען די שני בדים פונעם ארון, און ווען מען איז געגאנגען פון איין פלאץ אויפן אנדערן פלאץ, איז ארויסגעקומען פינקען פון פייער פון די בדי הארון, און דאס האט מכלה געווען די פיינט וואס זענען געווען. אזוי ווי מען שיסט מיט א ביקס, איז ארויסגעגאנגען פון דארט די פייער. און אזוי ווי די לוים האבן דאך אנגעכאפט די בדי הארון, האט זיך אנגעטשעפעט אין זיי אויך, און אסאך פון זיי זענען פארברענט געווארן פון די פייער וואס איז ארויסגעקומען.

**זאגט** דער מדרש, אז מען האט איינגעטיילט שבט קהת זאל טראגן די כלים פונעם משכן, שבט קהת איז געווען ממונה אויפן ארון און די שלחן און די מנורה. קיינער האט נישט געוואלט צו גיין טראגן דעם ארון, ווייל מען האט געוואוסט אז עס איז מכלה, עס איז מעגליך אז מען ווערט עס איינמאל טראגן און מער ווערט ער עס נישט טראגן, האט יעדער געזוכט עפעס אנדערש. ער ווערט נעמען די מנורה, ער ווערט נעמען דעם שלחן, ער ווערט נעמען די אנדערע זאכן וואס עס פעלט אויס, און דער ארון איז כמעט אזוי ווי פארשעמט געווארן, קיינער האט נישט געוואלט צוגיין, און עס איז געווען א חרון אף פונעם אייבערשטען. האט דער אייבערשטער געזאגט, אל תכריתו את שבט משפחת הקהתי, ברענגטס נישט קיין חרון אף אויף דעם שבט פון קהת פון צווישן די לוים, נאר אהרן ובניו זאלן איינטיילן, דו וועסט טראגן דעם ארון, דו וועסט האבן דעם שלחן, וועט יעדער מוזן פאלגן וואס מען האט ארויסגעגעבן. אזוי איז דא איין דעה אין מדרש.

**א** צווייטע דעה זאגט דער מדרש, חס ושלום, אז יודען האבן נישט געוואלט טראגן דעם ארון. פארקערט, זיי האבן זיך געשלאגן ווער עס זאל טראגן דעם ארון, און מען האט נישט געוואלט נעמען די איבריגע כלים, און מען האט אויף דעם געדארפט האבן אהרן ובניו, זיי זאלן צווינגען יעדן איינעם, וואס ער זאל טון צו טראגן די איבריגע כלים.

**זאגט** דער מדרש, פארוואס האבן זיי זיך געקריגט, זה אומר אני נוטל הארון, וזה אומר אני נוטל את הארון, ווייל עס איז געווען א געוואלדיגע שכר פאר די וואס האט געטראגן דעם ארון. אז עס איז געלונגען ער איז געבליבן לעבן, עס האט אים נישט מכלה געווען, האט ער זוכה געווען צו א געוואלדיגן שכר. ער האט געטראגן די ארון פון די לוחות פונעם משכן! האבן זיי זיך געקריגט ווער עס זאל עס טראגן. האט דער אייבערשטער געזאגט, מען זאל זיך נישט קריגן, ווייל קריגן ברענגט א זילזול. עס זאל זיין איינגעטיילט, אהרן ובניו זאלן זיי איינטיילן, אל תכריתו את שבט משפחת הקהתי מתוך הלוים. - עס איז הפלא ופלא. מען ווייסט אז דער ארון איז מכלה, מען ווייסט אז עס קומט א פייער, און איין תנא זאגט, אז מען האט נישט געוואלט צוגיין דערצו, און דער צווייטער תנא זאגט, אז מען האט זיך געשלאגן צו גיין טראגן די בדי הארון.

**וואס** איז דער סימבאל פון ארון, און וואס איז דער סימבאל פון די בדי הארון וואס האט עס געטראגן,

ווייסט יעדער איינער, ארון דאס איז די תורה הק', דארט ליגט די לוחות הברית. די בדי הארון, מיט זיי טראגט מען די לוחות, דאס זענען די מחזיקי תורה, וואס זיי כאפן אן דעם ארון, און זיי טראגן עס. אויף די בדי הארון שטייט (שמות כה-טו), לא יסורו ממנו, מען האט קיינמאל נישט ארויסגענומען די בדים פון דעם ארון. דער שלחן האט אויך געהאט בדים, דער מזבח האט אויך געהאט בדים, אבער ווען מען האט עס געדארפט טראגן, האט מען אריינגעלייגט די בדים, עס דארף נישט זיין דארט די גאנצע צייט. דער ארון איז געלעגן שטענדיג מיט די בדים, ווייל די מחזיקי תורה דארפן שטענדיג שטיין צו די תורה, אפשר וועט אויספעלן, מען וועט עס דארפן פלוצלינג טראגן, און ער וועט נישט זיין דארטן. איז געווען די מצוה ביי די בדי הארון אז לא יסורו ממנו, מען האט עס נישט געטארט ארויס נעמען, עס האט געדארפט בלייבן אינעם ארון צוזאמען, ווען מען וועט דארפן טראגן דעם ארון, זאל מען אים קענען טראגן.

**יודען** האבן פארשטאנען דעם געוואלדיגען חשיבות פון טראגן א ארון. אונז האב מיר די מעגליכקייט צו טראגן די תורה פונעם אייבערשטען, אויפצוהייבן די תורה פונעם אייבערשטען, און טראגן פון איין פלאץ אויפן אנדערן פלאץ. מיט מסירת נפש זענען זיי צוגעגאנגען, זיי האבן געוואוסט אז די בדים וועלן מכלה זיין, מען האט זיך געשלאגן ווער עס זאל צוגיין טראגן דעם ארון. און דאס איז געווען די סיבה פארוואס זיי זענען געווען ווייניגער פון אלע אנדערע, ווייל דער ארון האט מכלה געווען בהם.

**ווען** א ציבור קומט זיך צוזאם טראגן דעם ארון, אונז האבן מיר נישט קיין בית המקדש, אונז האב מיר נישט קין ארון, אבער די תורה האב מיר אונז! אין לנו שיור רק התורה הזאת, דאס איז די פראכט פון כלל ישראל, וואס יודען געבן זיך אוועק שטענדיג צו ערציען אונזערע קינדער צו תורה ומעשים טובים. צו דאס איז נוגע פאר ותגיד לבני ישראל, צו איז עס פארן כה תאמר לבית יעקב, אונזער ציל איז צו ערציען קינדער צו תורה. דער ארון דארף אבער האבן בדים, און פאר די בדים זאגט דער מדרש איז דא א שכר גדול ווער עס טראגט דעם ארון, און מען איז גרייט געווען פאר מסירת נפש, זיך אוועקצוגעבן, כדי צו האבן דעם שכר פון טראגן דעם ארון. די יודען וואס קומען זיך צוזאם, און זיי געבן אוועק געלט פון זייער טאש, ווי מען האט פריער געהערט, וואס פאר א מסירת נפש דאס איז, געלט וואס מען וואלט געקענט נוצן פאר די אייגענע תענוגים, גיט מען אוועק צו טראגן תורה! איז דער שכר זייער גרויס.

**עס** קומט זיך צוזאם א ציבור יודען פאר מתן תורה, און זיי ווייזן ארויס, אונז זעמיר די בדי הארון. און עס איז לא יסורו ממנו, אונז שטיי מיר גרייט צו דעם ארון, ווען מען וועט דארפן עפעס האבן, זענען מיר דארטן. צו איז דאס וואס מען דארף ארויסהעלפן מיט געלט, צו איז דאס בגופו, צו איז דאס בממונו, יעדער איינער האט אן אנדערע מעגליכקייט ווי אזוי ער קען העלפן טראגן דעם ארון הקודש, און אויף דעם איז דער שכר זייער גרויס.

**אונז** האלט מיר יעצט פאר קבלת התורה, מיר גייען דאך צו מקבל צו זיין די תורה, עס איז יום המיוחס, והייתם לי סגולה מכל העמים, מיר זענען דער עם סגולה פון אלע פעלקער, אונז טו מיר אסאך מאל נישט מחשיב זיין די געוואלדיגע חשיבות וואס אונז האב מיר. אונז זעמיר א ממלכת כהנים! אונז זעמיר א גוי קדוש! און אונז זעמיר א סגולה מכל העמים ביים אייבערשטען! אין דעם שווערן גלות וואס אונז זעמיר, וואס די נסיונות היינט זענען אזוי גרויס, מען דארף אזויפיל סייעתא דשמיא און רחמי שמים, אונזערע קינדער וואקסן אויף אין א וועלט פון טעכנאלאגיע, וואס פון טאג צו טאג ווערט עס ערגער, און די נסיונות זענען גרעסער, די פראבלעמען ווערן גרעסער, און אז מען זאל קענען האלטן קינדער אין תלמוד תורה, אין ישיבות, אין מיידל שולעס, אין היי-סקול'ס, און אריינגעבן אין זיי אהבת תורה, ליבשאפט צו תורה, זיי זאלן וועלן אויפשטעלן שטובער מיט בני תורה, און מגדל זיין אזעלכע קינדער, וויפיל סייעתא דשמיא דארף מען האבן צו דעם, אז מען זאל עס קענען אויספירן. - און די בדי הארון, זיי האבן באקומען דעם שכר אויף דעם וואס דער ארון איז גאנץ, און מען קען אים טראגן פון איין מקום אויפן אנדערן מקום.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, דער באשעפער זאל צוריק באצאלן פאר יעדן איינעם. דער מדרש זאגט דאך אז עס איז דא א שכר גדול פאר די וואס זענען נושא הארון, דער באשעפער וועט באצאלן שכר פאר די אלע וואס טוען צוהעלפן דערצו, מען זאל און קענען מגדל זיין אונזערע קינדער לתורה

ולחופה ולמעשים טובים, קענען מקבל זיין די תורה מתוך שמחה וטוב לבב. מען ווייסט דאך אז ביי קבלת התורה זענען נתרפאו כל החולים, אלע ברכות זענען אראפגעקומען אויף די וועלט בשעת מען האט געגעבן די תורה. בשעת מען האט געגעבן די תורה האבן מיר באקומען די ברכה פון וחי בהם ולא שימות בהם, די תורה גיט אונז חיים, א געזונטע לעבן, חיים ארוכים. זאל דער באשעפער געבן פאר אונז אלע, אונז זאל מיר געבענטשט ווערן מיט כל מילי דמיטב, און מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.